אַרום מיר און איר באַשעפער, אָדער די ערשטע סיבה ווי עס הייסט אויף דער פילאָזאָפישער שפּראַך.

2) גאָט — דעם גאָט וואָס איך האָב געקענט נאָר דורך טראַדיציע, האָט ער מיר איבערצייגט אין זיין עקזיסטענץ מיט באַווייזן, באַזירט אויף וויסנשאַפטלעכע געזעצן.

3) די אומשטערבלעכקייט פון מיין נשמה האָט ער מיר דערקלערט מיט שכלדיקע באַווייזן.

דער לעצטער קאַפּיטל אין אביעזר דערציילט ווידער וועגן פּערזענלעכע געשעענישן. דער פאָטער איז ווידער געוואָרן רייך און האָט ווידער אָנגעהויבן אויפריכטן זיין פאַמיליע. ער האָט מיט זיין טאָכטער, דער אלמנה, געטאָן א רייכן שידוך. דער פאָטער האָט באמערקט, אז זיין זונס זיווג איז געווען א דורכפאַל: דער סוף פון דער אויטאָביאָגראַפיע לייענט זיך:

„...מיין פאָטער, מיין שוועסטער די אלמנה, און מיין שוואָגער זיינען געקומען צום באַשטימטן טאָג און געשריבן תנאים מיטן בחור וואָס זיי האָבן אויסדערוויילט (פאַר דער שוועסטער)*) און אַלע זיינען געווען פריילעך און צופרידן. איך אַליין נאָר בין געווען ווי אַן אבל צווישן אַלע מחותנים.*) יענעם טאָג נאָך האָט מיין פאָטער מיך פאַרהערט אין פאַרלויף פון אונדזער געשפרעך און איך האָב אים ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן. מיין רבי האָט זיך גענומען די דערלויבעניש צו זוכן פאַר מיר א זכות און געפונען אַן אַנטשולדיקונג: איך האָב זיך געפונען צווישן מענטשן וועלכע האָבן ניט קיין ריח פון תורה, דעריבער האָט זיך מיין ריח אויסגעוועפּט.**) —

*) ער האָט געוואוינט ניט ווייט פון גינצבורגס שטעטל, ווי דער מחבר האָט דערציילט.

*) דווקא געברויכט ניט דער מחבר דעם אויסדרוק אבל בין המחותנים, נאָר אבל ביום השמחים.

**) אין אָריגינאַל, מיטן אויסלייג פון מחבר: — ומורי גם הוא הוכיח חרפתי על פני, אפס כי לקח לו רשות לבקש לי זכות, וימצא פרות, כי בתוך אנשים אשר אין בהם ריח תורה אני יושב, על כן גמר ריחי גם אני.

דר. הערמאַן פראַנק

# חכמי־זאגער

דער באַרימטער בעלעטריסט און שעפער פון סענטימענטאַלן ראָמאַן אין דער יידישער ליטעראַטור, יעקב דינעזאָן (1856—1919), איז געווען א זאגערער געבוירענער. אַ זייער וויכטיקן מעמואַריסטישן קוואַל צו דער קולטור־געשיכטע פון יידן אין זאַמעט בכלל, און אין זאגער בפרט שטעלט פאַר זיינע (ליידער ניט פאַרענדיקטע) „דערינערונגען”, געדרוקט אין „פנקס”, אונטער דער רעדאַקציע פון ש. ניגער, ווילנע, 1912—1913. דאָרט רעדט ער אויך וועגן איינעם פון די ערשטע גרויסע טרעגער פון השכלה ביי די יידן אין ליטע, ר' חיים זאַק (אָדער ווי י. ד. לייגט אויס: ז״ק). און, דערציילנדיק וועגן זאַקס' קיינמאָל ניט פאַרעפנטלעכטע וויכטיקע כתבים, זאָגט דינעזאָן צוו. אַנד. אָט וואָס:

„דורך זיינע כתבים, מיין איך, וועלן פאַר יעדן קלאָר ווערן די וועלט־אַנשויאונגען ז״קס און אויך די וועלט־אַנשויאונגען פון זיינע גייסטיקע פריינט אין זיין צייט.

„איך גלויב אויך אין די זעלבע כתבים צו געפינען אַן ענטפער אויף דער פראַגע: פאַרוואָס האָבן די זאגערער אויפגעקלערטע יידן זוכה געווען · געקרוינט צו ווערן מיטן טיטל 'חכמי זאגער', בעת די אויפגעקלערטע יידן פון אנדערע קהילות אין דער זעלבער צייט האָבן זוכה געווען נאָר צום אַלגעמייעם נאָמען: 'משכילים'?

„צי ליגט ניט אפשר אין דער פאַרשיידנקייט פון דיביידע טיטלען אויך די פאַרשיידנקייט אין דעם אויסגאַנגס־ און ווענדפונקט אויף דעם וועג, וואָס די ביידערליי אויפגעקלערטע יידן זיינען אַליין געגאַנגען און האָבן אויך זייער פאָלק געוואָלט אַרויפפירן?”

יעקב דינעזאָן האָט געשטאַמט פון א ניי־זאגערער מיוחסדיקער משפחה. זיין פאָטער, בנימין דינעזאָן, אַ



יעקב דינעזאָן
(1919 — 1856)

ייד אַ למדן און אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן א געפאַלענער באַלעבאָס, האָט דעם זון געגעבן א טראַדי־

ציאָנעלע יידישע דערציאונג. שוין אין זיינע ערשטע קינדעריאָרן, נאָך איידער דינעזאָן האָט געשטעלט זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט, האָט ער שוין דערשפּירט די השפעה און איז אויפן גאַנצן לעבן באַאיינפלוסט געוואָרן פון צוויי באַרימטע זאַגערער גדולים אין יענער צייט: ר׳ חיים זאַק און מיכל גאָרדאָן.ביידע זיינען בשעתו (אַרום 1860) געווען שכנים און פריינט פון יעקב דינעזאָנס עלטערן, ווי דינעזאָן שילדערט עס זייער לעבעדיק און אינטערעסאַנט אין יענע „דעראינערונגען״.

ס׳איז כדאי זיך צו באַקענען מיט דער כאַראַקטעריזירונג פון חיים זאַקן, ווי זי ווערט געגעבן פון יעקב דינעזאָן:

„ר׳ חיים זאַק, אַ ייד אַ גדול בישראל הן אין תורה הן אין חכמה, איז — ווי מיר דוכט — געווען דער גרעסטער, אויב ניט אפשר דער ערשטער פון יענע באַרימטע פּערזענלעכקייטן, זיינע מקורבים, וואָס זיינען נאָך איצט באַקאַנט מיטן טיטל ׳חכמי זאגער׳.

„יעדן דריטן יאָר פלעגט ער מאַכן אַ סיום אויף גאַנץ ש״ס. דערצו איז ער העכסט געלערנט געווען אין וועלטלעכע חכמות און פילאָזאָפיע. צען שפּראַכן, אַלטע און נייע, האָט ער געקענט, און אַן אים, אַן זיין מיטהעלפן און אַן זיינע דערקלערונגען, וואָלט דער באַוואוסטער געלערנטער לעאָן מאַנדעלשטאַם, וועלכער איז אויך געווען א זאגערער, נישט בכוח געווען צו איבערזעצן אין דייטש דעם רמב״ם, לויט דעם אויפטראָג פון דער רוסישער רעגירונג אין יענער צייט.

„איך בין נאָך צופיל קינד געווען אין יענע יאָרן, ווען איך האָב דאָס גליק געהאַט דעם גרויסן יידן ר׳ חיים ז״ק אין פּערזאָן צו קענען, איך זאָל געדענקען עפּעס פון זיינע גרויסע מעשים אָדער געדאַנקען, וואָס איך זאָל האָבן פון אים אַליין געזען אָדער פון אים געהערט. איך געדענק נאָך, מיט וואָס פאַר אַ דרך־ארץ און אַכטונג האָט מען זיין נאָמען אויסגעשפּראָכן ביי מיינע עלטערן אין הויז, און מיט וואָס פאַר אַ יראת־הכבוד האָבן גערעדט צו אים אפילו זיינע מקורבים ביי אים אין דער היים...

„און ניט מיט תקיפות און ניט מיט זיין רייכקייט האָט ער אויף גרויס און קליין אַזוי געווירקט, סיי אויף די פרומע סיי אויף די אויפגעקלערטע. נאָר מיט זיין קלוג באַרעכנט וואָרט, וואָס האָט זעלטן אַמאָל זיין ציל פאַרפעלט. דאָס אַליין ווייזט שוין אויף דער אמתער גרויסקייט פון דעם ר׳ חיים ז״ק, ווי אין תורה, אַזוי אין חכמה, און ווי אין מידות טובות איבערהויפּט, אַזוי אין זיינע געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען אין זיין שטאָט.

„מען האָט מיר דערציילט, אַז עס זיינען נאָך אים פאַרבליבן פיל וויכטיקע מאַנוסקריפּטן, אין תורה און חכמת־ישראל, און אַז די דאָזיקע כתבים געפינען זיך ביי זיין טאָכטער, די גבירה מינע פרומקין פון גראָדנע, וועלכע קלייבט זיך שוין יאָרלאַנג זיי צו פאַרעפנטלעכן״.

(„דער פנקס״, עמ. 151—152).

ניט ווייניקער לעבעדיק און פריש איז דאָס בילד פון מיכל גאָרדאָן, וועלכן יעקב דינעזאָן מאָלט פון זיכרון, אַ יאָר 50 נאָך דעם ווי ער האָט, אַלס קליין קינד, געשפּירט אויף זיך דעם איינפלוס פון מ. גאָרדאָנס געהויבענעם גייסט.

מיכל גאָרדאָן (1823—1890) דער באַרימטער פאָלקסדיכטער און משכיל, אַ ווילנער געבאָרענער, האָט חתונה געהאַט (צום צווייטן מאָל) מיט אַ ניי־זאַגערער, מיט דער טאָכטער פון אַ זייער אָנגעזעענער און מיוחסדיקער משפחה, און האָט זיך באַזעצט אין זאַגער. דאָרט





האָט ער אויך אָנגעשריבן אַ סך פון זיינע לידער און בכלל געווירקט אין גייסט פון אויפקלערונג. אין זאגער איז ער געווען אַן איינגייער אין דעם הויז פון די עלטערן פון יעקב דינעזאָן, אויף וועמעס ברית מ. גאָרדאָן איז געווען קוואַטער, און אין זיינע „דערינערונגען״ ווידמעט אים י. ד. אַ סך האַרציקע שורות, אַלס גוטן שכן פון זיין עלטערן־הויז. גאָרדאָן האָט פרי פאַרויסגעזאָגט דינעזאָנען אַ שרייבערישע קאַריערע. (זע ז. רייזענס ביאָגראַפיעס פון י. דענזאָן און מ. גאָרדאָן, „לעקסיקאָן״, ב. 1, ווילנע, 1928).

מיכל גאָרדאָן, אַ פירנדיקער משכיל און לערער פאַר די וואָס האָבן געשטרעבט צום ליכט פון וויסן און פאָרשונג, איז געווען ניט דער איינציקער פון די געוואָרענע זאגערער, וואָס האָבן כשר פאַרדינט דעם טיטל „חכמי זאגער״. נאָך לענגער אָבער איז דער צעטל פון די געבאָרענע זאַגערער, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אויפן געביט פון תורה און חכמה אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט.

שניאור זאקס (1816־1892), דער גרויסער קענער פון דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור, אַ געלערנטער מיט אַן אייראָפּעאישן נאָמען, און אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן פּראָפעסאָר אין פּאַריז, איז געווען אַ זון פון אַ גרויסן זאַגערער בן־תורה, ר צמח זק״ש, וואָס איז געווען, זינט 1817, זאַגערער רב.

דער אויסדרוק „חכמי זאגער״ שטאַמט העכסט־וואַרשיינלעך טאַקע פון שניאור זאַקסן. ער האָט אין אַ נעקראָלאָג־אַרטיקל וועגן אַ בן־עיר זיינעם און מלומד, שמעון הורוויץ, געשריבן וועגן זאַגער אַלס „עיר מלאה חכמים וסופרים״ (אַ שטאָט וואָס איז פול מיט חכמים און שרייבער), און געווען איז עס נאָך אין די ערשטע 70ער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט. („הלבנון״, שנה ה׳, עמ. 370). וועגן שניאור זאַקסן זיינען לעצטנס דערשינען איינציקע ביאָגראַפישע ווערק. אין איינעם פון זיי (פון אהרן גיר, שניאור זאַקס, תל־אביב, תרפ״ח) געפינט מען ידיעות וועגן חיים זאַקסן, וועמען אַ ייגגערער משכיל פון די זאַגערער געבוירענע, א. ש. זאַקס, רופט אָן „דער פאָטער פון דער ליטווישער השכלה־באַוועגונג״.

אין זיינע בריוו און מאמרים פאַרהערלעכט ממש שניאור זאַקס דעם ווייניק־באַקאַנטן אין דער גרויסער וועלט משכיל און דערציער, ר׳ חיים זאַק, וועלכער איז געווען אויך אַ זעלטענער בעל־מידות און מענטשנפריינט. אינטערעסאַנט, אין שייכות מיט אָט דעם שטריך פון ר׳ חיים זאַק, איז אויך נאָך אַ שטעלע אין די שוין ציטירטע זכרונות פון יעקב דינעזאָן („דער פנקס״, עומד 153):

„אַלץ וואָס איך האָב דאָ געזאָגט וועגן ר׳ חיים ז״ק איז מיר מער אָדער ווייניקער באַקאַנט געוואָרן ערשט אַ צייט שפּעטער. דעמאָלט אָבער, ווען איך בין נאָך אין זאגער אַ קליין ייִנגעלע געווען, האָב איך אים ליב געהאַט נאָר פאַר זיין גוטסקייט צו מיר, פאַר די קלוגע שיינע מעשהלעך, וואָס ער פלעגט מיר אַמאָל דערציילן און קוקן מיר בעת מעשה אין די אויגן אַריין, כדי צו באַמערקן מסתמא דעם איינדרוק, וואָס דאָס מעשהלע מאַכט אויף מיין נשמה יעדעס מאָל״.

אַן אַ שיעור גדולי־תורה האָט אַרויסגעגעבן זאַגער און די שטעטלעך אַרום איר אין זאַמעט. איין רבנישע דינאַסטיע פאַרדינט אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. איבער 20 דורות רבנים זיינען געזעסן אויפן כסא הרבנות אין לינקעווע, אַ קליין שטעטל לעבן זאַגער. אַן אור־אור־אייניקל פון אַט די רבנים־גאונים איז געווען צבי־הירש ראַבינאָוויטש (1832־1889), דער שפּעטערדיקער רעדאַקטאָר פון „רוסקי יעווריי" (פּעטערבורגער זשורנאַל) און „איינער פון די זעלטנסטע דערשיינונגען, וואָס די העברעאישע השכלה אין רוסלאַנד האָט אַרויסגעגעבן", ווי אים האָט כאַראַקטעריזירט, נאָך אַ פּערזענלעכער באַקאַנטשאַפט, דר. חיים זשיטלאָווסקי. אַן אַ וועלכער ס'איז סיסטעמאַטישער פאָרבילדונג, האָט ער זיך אין די גאָר יונגע יאָרן, אין זאַמעט, פאַראינטערעסירט מיט די אַנאָרגאַנישע נאַטור־וויסנשאַפטן און, אויסלערנענדיק זיך די דייטשישע שפּראַך, האָט ער באַרייכערט די העברעאישע ליטעראַטור מיט ערנסטע ווערק וועגן מעכאַניק, פיזיק און כימיע, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער הויך פון דער דעמאָלטיקער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג.

צבי־הירש ראַבינאָוויטשעס ברודער איז געווען דער לעצטער רב פון אַט־דער מערקווירדיקער משפחה. ער האָט זיך אָבער לאַנג ניט געהאַלטן אַלס רב אין לינקעווע; מען האָט אים חושד געווען אין אפּיקורסות און מ'האָט צוגענומען פון אים די רבנות. ווען דער אפּיקורסישער „מי שהיה רב" האָט אויף דער עלטער געלעבט אין דינאַבורג (דווינסק), האָט אים אַמאָל, אין זיינע יוגנט־וואַנדערונגען, באַזוכט ש. אַנסקי. ער האָט אים שפּעטער אַזוי באַשריבן: „אַן עלטערער ייד מיט אַ גרויסער שיינער רבנישער באָרד, געקליידט ווי אַ רב און מיט אַלע מאַנירן פון אַ רב, פלעגט ער גאַנצע טעג זיצן (אָן אַ היטל) ביי דער גמרא און לערנען: דעם תלמוד האָט ער געהאַלטן פאַר דאָס גרעסטע ווערק, וואָס די מענטשהייט האָט אַרויסגעבראַכט. ער פלעגט תמיד אַנטדעקן אין תלמוד אַלץ נייע און נייע וואונדער פון דעם מענטשלעכן גייסט".

ביידע ברידער ראַבינאָוויטש, דער רב און דער געלערנטער, האָבן געהאַט תלמידים אין זאַגער, וואָס האָבן פלייסיק פאַרשפּרייט זייערע געדאַנקען.

די באַרימטע ניי־זאַגערער ישיבה האָט געגרינדעט דער דאָרטיקער רב, ר' יאַנקעלע חריף. דאָס איז געווען ר' יעקב יוסף, וואָס איז שפּעטער געבראַכט געוואָרן קיין אַמעריקע צו זיין דער רב־הכולל אין ניו יאָרק. אַט־דער באַרימטער גדול, ר' יאַנקעלע חריף, האָט אין זיין ישיבה אַריינגענומען נאָר די בעסטע וואויללערנערס, וואָס קענען שוין אַליין שווימען אין ים־התלמוד. צווישן די שפּעטערדיקע ראשי־ישיבה זיינען געווען די גרעסטע תלמודיסטן פון יענער צייט, ווי ר' קלמן פּילווישקער (דער פּילווישקער עילוי), ר' איציק קראָקער און וואָלפּציק חריף. איינער פון די תלמידים פון „אפּיקורסישן רב" ראַביאָוויטש פון לינקעווע איז געווען בן־ציון וואָלף זאַקס, געבאָרן אַרום 1850, איז ער יונג געוואָרן ראש־ישיבה אין ניי־זאַגער. בן־ציון וואָלף זאַקס איז געווען אַן אמתער מוסטער פון אַ זאַגערער תלמיד־חכם: אַ למדן און אַ משכיל אינאיינעם. אין זיין הויז פלעגן זיך צונויפקומען די זאַגערער בני־תורה, די „אייזערנע מוחות". ער האָט פאַרמאָגט אַ רייכע ביבליאָטעק אין וועלכער ס'האָבן זיך געפונען אויך וויסנשאַפטלעכע ווערק אין העברעאיש און דייטש. דער יינגסטער פון זיינע דריי זין איז געווען דער באַרימטער שרייבער און זשורנאַליסט אברהם שמחה זאַקס (1877־1931), וואָס האָט די לעצטע 23 יאָר פון זיין פּרוכטבאַרן לעבן פאַרבראַכט אין אַמעריקע.*)

א. ש. זאַקס האָט אין אַ מעמואַריסטישן עסיי — „פון אמונה צו השכלה"**) לעבעדיק באַשריבן און קאַלירפול כאַראַקטעריזירט די גייסטיקע שטרעמונגען און טענדענצן אין זיין געבורט־שטאָט זאַגער אין דער איבערגאַנג־צייט 1840־1860.

אין זאַגער, ווי אין אַנדערע טיילן פון קאָוונער גובערניע, וואָס האָבן זיך געגרענעצט מיט קורלאַנד (דורך וועלכער ס'איז אַריינגעפלאָסן דער השכלה־גייסט פון די דייטשישע יידן) האָט זייער פרי דערוועקט די ליטווישע יידן צו אַלגעמיינער בילדונג און מאָדערנער אויפקלערונג. אין 1841 האָט אַ געוויסער זאַגערער יונגער רב זיך אָנגענומען מיט מוט און ביים דאַווענען פון דער בית־מדרש בימה, אין אַ דרשה גערופן דעם עולם צו עפענען אין זאַגער אַ נייע לערנשול לויטן ווילנער מוסטער, ד. ה. מיט אַ ביסל וועלטלעכע לימודים פאַר די יונגע קינדער. דער יונגער רב האָט שלעכט אָפּגעשניטן: מ'האָט אים גענומען רודפן און ער האָט געמוזט פאַרלאָזן דאָס שטעטל. דער פּראָיעקט פון אַ גאַנץ קליינעם הייפל זאַגערער אויפגעקלערטע יידן איז אויף אַ לאַנגער צייט בטל געוואָרן.***)

די שווערע אומשטענדן, אין וועלכע די ערשטע משכילים־אויטאָדידאַקטן אין זאַגער האָבן געלעבט און געמוזט קעמפן פאַר זייערע אידייען, ווערן באַשריבן אינעם טאָגבוך פון אַן אַנדער באַרימטן זאַגערער — דעם געלערנטן און איבערזעצער (פון תנ"ך אין רוסיש) יהודה לייב מאַנדעלשטאַם (1819־1889), וועלכער ווערט פאַררעכנט פאַרן ערשטן יידישן סטודענט אין רוסלאַנד, פון מאָסקווער אוניווערזיטעט. אין ווילנער און וואַרשעווער אוניווערזיטעטן זיינען שוין פריער געווען יידישע

*) אַן אויספירלעכע ביאָגראַפיע פון א. ש. זאַקס האָט אָנגעשריבן דער שרייבער פון די שורות — „א. ש. זאַקס: קעמפער פון פאָלקס־אויפלעבונג", ניו־יאָרק, 1945.

**) „סטאַדיס אַן דזשואיש ביבליאָגראַפי" צום אָנדענק פון ביאָבליאָטעקאַר א. פּ. פריידוס, ניו־יאָרק, 1829.

***) דער עפּיזאָד ווערט באַשריבן אין אַן אַנאָנימער קאָרעספּאָנדענץ פון זאַגער אין י. מ. יאָסטס זשורנאַל „איזראַעליטישע אַנאַלן", וואָס איז אַרויסגעגעבן אין פראַנקפורט־אַם־מאַין, ב. 3, 1841, ז. 366. ס'איז גאַנץ מיגלעך אַז דער מחבר פון דער קאָרעספּאָנדענץ איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי דער יונגער שניאור זאַקס.

סטודענטן. דער זייער אינטערעסאַנטער טאָגבוך פון י. ל. מאַנדעלשטאַם מיט אַ קולטור־היסטאָרישער הקדמה פון שאול גינזבורג, איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין זאַמלבוך „פּערעזשיטאָיע", באַנד 1, פּעטערבורג, 1909. די צוויי ברידער פון אַט־דעם ערשטן איבערזעצער פון תנ"ך אין רוסיש, יחזקאל מאַנדעלשטאַם און בנימין מאַנדעלשטאַם, האָבן זיך דערוואָרבן גרויסע נעמען אַלס העברעאישע שרייבער און כלל־טוער. אַ קרוב פון די מאַנדעלשטאַמס און אויך אַ שוועסטערקינד פון ר חיים זאַק, איז געווען שלמה־זאַלקינד עליאַשעוו, פון אַ באַקאַנטער משפחה אין זאַגער. ער האָט זיך יונג אַריבערגעצויגן קיין קאָוונע, וואו ס'איז אים געבוירן געוואָרן אַ זון — דער שפּעטערדיקער בעל־מחשבות (דר. איזידאָר עליאשעוו). די מאַנדעלשטאַמס האָבן געהאַט אַ טיפע השפּעה אויף בעל־מחשבותעס פאָטער און אים געמאַכט פאַר אַ משכיל און שיינעם העברעער, וואָס האָט געלייענט אויך דייטשישע ביכער.

דער באַרימטער מאָסקווער טיי־מאַגנאַט, דער חובב ציון און איינער פון די גרעסטע מעצענאַטן און בעלי־צדקה אין רוסלאַנד, קלונימוס־זאב וויסאָצקי (1824—1904), איז געווען אַ געבוירענער פון אַלט־זאַגער. דאָרט האָט ער געלערנט אין חדרים און ישיבות, און נאָך דער חתונה האָט ער פאָרגעזעצט דאָס לערנען תורה אין וואָלאָזשינער ישיבה. שפּעטער האָט ער געלערנט ביי ר' ישראל סאַלאַנטער אין קאָוונע. אין 1858 האָט וויסאָצקי זיך באַזעצט אין מאָסקווע אַלס גייסטיקער וועגווייזער און דרשן אין אַ מנין פון די אויסגעדינטע ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטן. גלייכצייטיק האָט מען פאַר אים געעפנט אַ קליינעם טיי־געשעפט. דערפון האָט זיך אַנטוויקלט די זייער רייכע טיי־פירמע. ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן איז ק. ז. וויסאָצקי געבליבן זייער לעבעדיק פאַראינטערעסירט אין ישוב ארץ ישראל, אין יידישן שול־וועזן און אין דער העברעאישער ליטעראַטור. פאַר אָט די אַלע צוועקן האָט ער ביים לעבן געטיילט געלט מיט אַ ברייטער האַנט און האָט אָפּגעשריבן אַ גאָר גרויסע סומע געלט אין זיין צוואה.

אין די זאַגערער יידישע הייזער האָט מען ניט זעלטן זייער גוט גערעדט דייטש און מען איז געווען באַהאַוונט אין דער דייטשישער ליטעראַטור. די ווערק פון געטע, שילער, לעסינג, היינע, בערנע און אַנדערע דייטשישע פּאָעטן און שריפטשטעלער פלעגן זיך געפינען אין אַ סך יידישע הייזער, וואו סיי די עלטערן, סיי די קינדער פלעגן זיי לייענען.

אונטער אַזוינע געמישטע איינפלוסן און ווירקונגען פון תורה און חכמה, פון אמונה און השכלה זיינען פון זאַגער אויפגעקומען גייסטיקע פירער און וואָרטזאָגער וואָס האָבן פאַרקערפּערט אין זיך אַ מין סינטעז פון טראַדיציאָנעלער פרומער יידישקייט און מאָדערנער בילדונג און וויסנשאַפט. אַזאַ ספּעציפיש־זאַגערער געשטאַלט איז געווען דער באַרימטער העברעאישער שרייבער־קריטיקער אלעזר אַטלאַס (1851־1904).

אַ געבוירענער אין דעם שטעטל בייסעגאָלע אין ליטע, איז אַטלאַס געווען אַ זאַגערער איידעם און האָט דאָרט אָפּגעלעבט אַן ערך צען־צוועלף יאָר צייט (1872־1884). ער, דער שפּעטערדיקער באַרימטער שרייבער און רעדאַקטאָר פון „הכרם", איז אין זאַגער געווען אַן אינטימער פריינט און אַריינגייער ביים דערמאָנטן גרויסן בן־תורה בן־ציון וואָלף זאַקס. מיט גאָר אַ סך זאַגערער השכלה־פירער און שרייבער איז אַטלאַס געווען נאָענט באַקאַנט.

אַלע האָבן אָנערקענט זיינע גרויסע, כמעט געניאַלע פעאיקייטן אין תורה און חכמה. אים האָט אָבער אויך געצויגן צו מאָדערנע וויסנשאַפטן, און ער אַליין האָט מיט התמדה שטודירט מאַטעמאַטיק, געשיכטע, שפּראַכן און חכמת־ישראל. אין זאַגער זיינען געווען גרויסע פּריוואַטע ביבליאָטעקן, פון וועלכע ער האָט זיך אָנגעשעפּט מיט פיל אַלגעמיינעם און יידישן וויסן.

די אויסערלעכע זייט פון לעבן איז פאַר אַטלאַסן אין זאַגער געווען ווייט ניט קיין דערפרייענדיקע און ליכטיקע. בעת אלעזר אַטלאַס האָט נאָך געלערנט אין זאַגערער ישיבה, האָבן זיינע טאַטע־מאַמע פאַר אים אויסגעזוכט אַ כלה פון זאַגער טאַקע. צו 20 יאָר האָט ער חתונה געהאַט און זיך באַזעצט אין זאַגער גופא אַלס איידעם אויף קעסט. נאָך די יאָרן פון קעסט איז ער געוואָרן אַ שותף צום שווערס געשעפטן, און אין זיי — אין קרעמעריי — האָט ער פאַרלאָרן זיין נדן. די איינציקע מיגלעכקייט צו דערנערן ווייב און קינדער איז געבליבן מלמדות.



אלעזר אַטלאַס
(1904 — 1851)

אין זאַגער האָט אלעזר אַטלאַס אָנגעשריבן זיין ערשטן אַרטיקל*). סוף כל סוף איז דאָס קליינע זאַגער געוואָרן צו קליין פאַר אַטלאַסן און ער האָט זיך אַריבער־

*) דערשינען אין יאָר תרל"ה, 1875, אין ש. י. פינס זשורנאַל „הכרמל", אין ווילנע.

געצויגן קיין וואַרשע צו מיטאַרבעטן אין די צייטשריפטן פון נחום סאָקאָלאָוו*).

אין אלעזר אַטלאַסעס גייסט האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט ביידע השפעות. פון איין זייט — די פרומע, די טרעגער פון תורה און פון דער אַלטער אמונה — ווי רבי צמח זק״ש, ר׳ אליהו (עלינקע) לידער, רבי ישראל סאַלאַנטער (1883־1810), און דער באַרימטער עקסטרעמער אָרטאָדאָקס, דער קעלמער מגיד, וואָס איז געווען אַן



א. ש. זאַקס
(1931 — 1877)

אָפטער גאַסט אין זאגער. פון דער צווייטער זייט — דער איינפלוס פון די ערשטע פּיאָנערן פון יידישער אויפקלערונג און פאָלקס־אויפלעבונג, פון נאַציאָנאַלער באַנייאונג, מענטשן ווי ר׳ חיים זאַק, ר׳ שמעון הורוויץ, ר׳ צבי קאהן, די ברידער מאַנדעלשטאַם און אַ סך אַנדערע.

ס׳איז קיין וואונדער ניט, אַז עס האָבן ביי אלעזר אַטלאַסן, ווי ביי אַ סך אַנדערע זאַגערער, געלעבט בשלום, אונטער איין דאַך, לומדות און השכלה, און ס׳איז פון אַזאַ זיווג אַרויסגעקומען אַן אינטערעסאַנטער סינטעז, וועלכן מיר וועלן כאַראַקטעריזירן דורך אַ פּאָר ביישפּילן.

די זאַגערער יונגעלייט האָבן שטאָלצירט מיטן באַרימטן ר׳ ישראל סאַלאַנטער, אָבער נאָך מער מיט זיין

*) אין יאָר 1949 איז דערשינען אין בראָשור־פאָרם אַ ביאָ־ביבליאָגראַפישער עסיי וועגן דעם באַרימטן העברעאישן קריטיקער, פאַרשער און פובליציסט, אלעזר אַטלאַס, געשריבן פון זיינעם אַ קרוב, דר. באָריס מ. קאַדער, וועלכער האָט אַטלאַסן אין זיינע לעצטע יאָרן געזען. די בראָשור קען מען קריגן פון מחבר, לויטן אַדרעס:
Dr. B. M. Kader, 5036 N. Kimball Ave., Chicago, Ill.



גרויסן זון — פּראָפעסאָר־מאַטעמאַטיקער, יום־טוב ליפּמאַן ליפּקין (1875־1845). דאָס וואָס ער איז אַרויס „לתרבות רעה״ און ר׳ ישראל, זיין פאָטער, איז נאָך אים געזעסן שבעה, האָט — ווי עס דערציילט א. ש. זאַקס אין זיין „פון אמונה צו השכלה״ — לחלוטין ניט קלענער געמאַכט אין די אויגן פון די אויפגעקלערטע זאַגערער יונגעלייט די באַדייטונג פון „דעם יינגל, וואָס האָט אַמאָל געלערנט אין זאַגערער בית־מדרש און איז שפּעטער געוואָרן פּראָפעסאָר אין קיניגסבערג״.

און אָט איז אַ צווייטער ביישפּיל. מען פלעגט אין זאַגער זייער פיל דערציילן וועגן דער גוטסקייט און אַנדערע מעלות און מידות טובות פון זאַגערער רב ר׳ צמח זק״ש. אָבער נאָך מער און מיט אַ סך אַ גרעסערער התלהבות פלעגט מען דערציילן חידושים, ווי עס גיט איבער א. ש. זאַקס, — וועגן דעם רב׳ס זון, שניאור זאַקס, דעם משכיל און פאָרשער, וואָס איז זוכה געווען צו אַ וועלט־נאָמען, באַרימט אין די פילאָזאָפישע קרייזן פון דייטשלאַנד און פראַנקרייך. פון שניאור זאַקסעס אַרטיקלען פלעגט מען לעקן די פינגער. מען האָט שטאַרק הנאה געהאַט ווען מ׳האָט זיך דערוואוסט, אַז דער באַרימטער דייטשישער פילאָזאָף שלעגעל האַלט אַ וועלט פון שניאור זאַקסן.

אין דער פרומער זאַגער, בעת דער צווייטער העלפט פון דער רוסיש־ליטווישער השכלה־תקופה (1880־1860) האָט זיך אויסגעאַרבעט דער מין סינטעז פון אמונה און כפירה, און אַ טרעגער פון אַזאַ סינטעז איז טאַקע געווען ר׳ אלעזר אַטלאַס. ער האָט זיך באַקענט מיט די השכלה־אידייען דעמאָלט ווען זיי האָבן שוין געהאַט פאַרלוירן (נאָך 1875) זייער צויבער־חן און אַלמעכטיקייט. דער שטאַרקער גלויבן אין השכלה אַלס דער כוח פון פאַרבעסערן און פאַרשענערן דאָס יידישע לעבן איז שוין געווען איינגעבראָכן... „אַלס מענטש פון דער איבערגאַנגס־צייט, — אַזוי האָט כאַראַקטעריזירט אַטלאַסן בעל־דמיון (נחום שטיף), — מיט זיין גאַנצן שאַרפן מוח, וואָס איז געווען אויסגעשליפט דורך אַ זעלטן ברייטן און טיפן גמרא־לערנען, איז אַטלאַס כסדר פאַרבליבן אַ וואַנדערער און זוכער אין לאַבירינט פון ווידערשפּרעכנדיקע אַנזיכטן, און הגם אַ סקעפּטיקער־ראַציאָנאַליסט, איז דאָ זעט מען אים באַקעמפן און דאָ פאַרטיידיקן אַלט־צייטישע יידיש־רעליגיעזע אידעאַלן״.

אויף אַ צווייטן אופן, אַן אייגנאַרטיקן שטייגער, האָט א. ש. זאַקס געזוכט געפינען די פרידלעכע צונויפּפּאָרונג פון דער אַלטער און מאָדערנער יידישקייט, ווי מען זעט פון זיין פרעכטיקן בוך „חרובע וועלטן״. אויף די צוויי ביישפּילן — פון אַטלאַסן און א. ש. זאַקס — זעט מען גאַנץ קלאָר, אַז אויך אין דער נייעסטער צייט, אין אונדזער אייגענער תקופה, האָט מען פון דעם „גייסטיקן קלימאַט״ פון זאַגער נאָך געקענט אָפּלערנען עפּעס, וואָס איז פון גרעסטן און עיקרדיקן ווערט פאַר דער אויספאָרמירונג פון אַ מאָדערנעם יידישקייט־באַגריף.